# מוּזע גרינג צו לייענען

דער מוּזיי־וועגווײַזער מיט אינפֿאָרמאַציעס וואָס זענען גרינג צו פֿאַרשטיין

**פּראָיעקט פֿון**

**איבּערזעצונג**

Agnese Sardagna

Liceo Artistico Vittoria - Trento

**צעשטעל**

Sofia Bernardi

Istituto Grafico Sacro Cuore - Trento

**פּראָיעקט פֿון שולע־אַרבעט־אַלטערנאַנץ**

איך דערצייל דיר„MUSE...“אין אַלע שפּראַכן

װעגן דעם

פֿאָטאָגראַפֿיעס: מוּזע־אַרכיװ

סעפּטעמבער 2026

## שטאַק 4

הויכע שפּיצן

## שטאַק 3

לאַבירינט פֿון ביאָדיווערסיטעט

Discovery Room,

## שטאַק 2

געאָלאָגיע פֿון די דאָלאָמיטן,

אומוועלטלעכע ריזיקאָס, ציַיטווייליקע

אויסשטעלונגען

## שטאַק 1

נאָכהאַלטיקייט און אינאָוואַציע, FabLab,

אַלפּינישע פּרעהיסטאָריע

## שטאַק 0

פֿאַלעסטרע פֿון דער וויסנשאַפֿט

!Maxi Ooh,

## שטאַק -1

געשיכטע פֿון לעבן, DNA

גאַלעריע, טראָפּישע אָראַנזשעריע


MuSe

# מוזע

זינט 2013 האָט די שטאָט טרענטאָ

אַ נײַ וויסנשאַפֿט מוזיי

וואָס הייסט מוזע.

מוזע איז

איינער פֿון די וויכטיקסטע מוזייען אין

איטאַליע.

דער מוזע געפֿינט זיך

אין דעם נײַעם קוואַרטיר פֿון טרענטאָ

וואָס הייסט ״לע אַלבּערע״.

דער קוואַרטאַל און דאָס מוזיי

זענען דורך דעם באַקאַנטן אַרכיטעקט רענצאָ

פּיאַנאָ

געמאַכט געוואָרן.



## מוזע

אין דעם קוואַרטיר ״לע אַלבערע״
זענען דאָ פֿילע זאַכן,
ווי למשל מוזע, די קראָמעןף
די צענטראַלע אוניווערסיטעט ביבליאָטעק,
די גאָרטן און די הייזער.
נאָענט צו דער מוזיי
איז דער פּאַלאַץ פֿון לע אַלבערע
דער פּאַלאַץ פֿון לע אַלבערע
איז אַ וויכטיקער בניין
פֿאַר דער געשיכטע פֿון טרענטינאָ.
מיט פֿילע יאָרן צוריק איז דער פּאַלאַץ פֿון לע אַלבערע
געווען די זומער הויז
פֿון דער פּרינץ-בישאָף.
דער פּרינץ-בישאָף
איז געווען דער ראש
פֿון דער קירכע
און פֿון דער שטאָט.

**מוזע**

דער מוזיי, געזען פֿון דרויסן,
האָט אַ פֿאָרעם
וואָס דערמאָנט אין די בערג.
אַרום דעם מוזיי
און אין דעם קוואַרטאַל לע אַלבערע
זענען דאָ קאַנאַלן און וואַנעס מיט וואַסער.
אין די זוניקע טעג
שפּיגלט זיך דאָס וואַסער פֿון וואַנעס
אויף די גלעזערנע פֿענסטער.
דאָס מיינט, אַז מען זעט דאָס בילד פֿון דאָס וואַסער
אויף די פֿענסטערן.

## מוזע

אין דער גרינער זאָנע,
ווּ עס זענען נישטאָ קיין הייזער,
צווישן דעם פּאַלאַץ פֿון לע אַלבערע און מוּזע,
זענען די גערטנער וואָס ווערן אויך בּאַנוצט
דורך שולן פֿאַר אַקטיוויטעטן.

הינטער די גערטנער
איז דאָ אַ גרויסע אָראַנזשעריע,
ווּ מען האָדעוועט געוויקסן
בײַ דער ריכטיקער טעמפּעראַטור
און ווּ די מענטשן
וואָס אַרבעטן אין מוּזע,
פֿאָרשן און האָדעווען
פֿיל מינים געוויקסן.
פֿון דער גאַנצער וועלט,
און ספּעציעל פֿון די טראָפּישע לענדער.

**מוזע**

ווען מיר גייען אריַין אין מוזע,
געפֿינען מיר שטענדיק אַ סך נאַטירלעכע
ליכט.
די ווענט פֿונעם מוזיי זייַנען דורכזיכטיק,
ווייַל עס זענען דאָ גרויסע פֿענסטער
וואָס לאָזן אַרייַן די ליכט,
און מע באַקומט אַ געפֿיל
צו זייַן שטענדיק אויף דער פֿרייַער לופֿט.



## מוזע

דער מוזיי איז אויסהאַלטנדיק,

ווייַל עס איז געבויט געוואָרן פֿון מאַטעריאַלן

וואָס געפֿינען זיך אין דער נאַטור

און וואָס פֿאַרפּעסטיקן נישט די סביבה.

צוליב דעם האָט מוזע באַקומען

די ״ליד גאָלד צערטיפֿיקאַט,

וואָס איז אַן אָפֿיציעלער דאָקומענט.

ער זאָגט אַז מוזע

בּאַמיט זיך זייער

צו באַניצן וויניק ענערגיע.



**מוזע**

מוּזע דערציילט די נאַטור
אָנהייבנדיק פֿון די מענטשן
און זייער באַציונגען
צו אַלץ וואָס לעבט.
די אינהאַלטן פֿונעם מוּזע
פֿאָלגן צוויי דימיונישע שורות:
די ערשטע שורה איז ווערטיקאַל
און זי שטייַגט אַרויף צום צענטער פֿון דער מוזיי
ווּ עס איז דאָ אַ גרויסער ליידיקער פּלאַץ.
דער פּלאַץ ציט זיך אַרויף ביז צום דאַך
און ער איז זייער הויך.
דער ליידיקער פּלאַץ
גיט מענטשן צו פֿאַרשטיין
ווי עס איז צו גיין
אױף אַ שפּאַציר אין די בערג
און ווי פֿילט מען זיך
אין אַזאַ הייך פֿון דער ערד.



**מוזע**

אין דעם דאָזיקן לײדיקן פּלאַץ
הענגען
עטלעכע חיות װאָס לעבן אין טרענטין
אויף דינע שטאָל־שטריקלעך,
כּדי מיר זאָלן קענען זײ גוט זען.
אַלע חיות הענגען
אויף פֿאַרשײדענע הויכן,
װײַל אויף פֿאַרשײדענע הויכן
לעבן זײ.
למשל: דער אָדלער איז אויבן,
און דער אָקס איז אונטן



**מוזע**

די צווייטע ליניע איז האָריזאָנטאַל
ווי די שטאָקן פֿונעם מוזיי.
דער מוזיי האָט פֿינף עטאַזשן,
וואָס מיר קענען בּאַזוכן
ווי מיר ווילן – דאָס הייסט,
פֿונעם נידעריקסטן ביז צום העכסטן
אָדער פֿאַרקערט.
יעדער עטאַזש איז צעטיילט אין צוויי טיילן.
אין דער ערשטער טייל קענען מיר האָבן
אַ רירנדיקע דערפֿאַרונג.
אין דער צווייטער טייל
קענען מיר פֿאַרטיפֿן די טעמעס:
למשל,
קענען מיר זען אַ ווידעאָ,
לייענען טעקסטן
און בּאַטראַכטן די עקספּאָנאַטן.


Sei sicura che ciò
che stai mangiando sia

**מוזע**

די עקספּאָנאַטן זייַנען אָבּיעקטן פֿון אַ סך יאָרן צוריק
וואָס זענען געפֿונען געוואָרן נאָך לאַנגע פֿאַרשונגען.
די עקספּאָנאַטן ווערן געשטעלט
אין גלעזערנע וויטרינעס.
די אַרכיטעקטן
און די מענטשן וואָס אַרבעטן אין מוזיי
האָבן אָבער בּאַשלאָסן צו לייגן
רוב זאַכן צו זען אַויף טישן,
אָן גלעזאנע וויטרינעס,
כּדי עס זאָל נישט זייַן קיין מחיצות צווישן
אונדז און די אָביעקטן.



**מוזע**

די חיות וואָס זענען דאָ אים מוזיי
זענען טאַקסידערמיעס.
די טאַקסידערמיע
איז אַ טיכניק צו פּרעזערווירן
און צו ווייזן אַ חיה
וואָס איז געשטאָרבן אין אויף נאַטירלעכן
אופֿן.
מיט אָט דער טעכניק ווערט
געהאַלטן די הויט פֿון דעם חיה.
מיט דעם הויט
איז אַ קינסטלכע פֿאָרעם געדעקט.
דער רעקאָנסטרוירטער גוף פֿון דער חיה
האָט אַ נאַטירלעכע פּאָזיציע,
אַזוי זעט ער אויס נאָך לעבעדיק.



**מוזע**

אויף דעם ערשטן שטאָק זענען דאָ צימערן
מיט גלעזערנע ווענט
ווו מיר קענען זען
די פֿאָרשערס
וואָס אַרבעטן.
די פֿאָרשערס
זינען מענטשן וואָס פֿאַרשו
אַלע זאַכן פֿון דער נאַטור
וואָס מיר זען אין דעם מוזיי.

**צוריק צום אינהאַלט ←**

# שטאָק 4

דער פֿערטער שטאָק מאַכט אונדז בּאַקאַנט
מיט דער סבֿיבֿה פֿון הויכן בּאַרג.
אין אַ טייל פֿונעם שטאָק
קענען מיר אַרייַנגיין אין אַ טונעל
כּדי צו האָבן אַן איַטונקענדיקע איבערלעבונג.
דאָ קענען מיר זען
אַ ווידעאָ פּרויעקטירט
אויף די צוויי לאַנגע ווענט.
אין ווידעאָ זען מיר פֿילע זאַכן,
ווי למשל:
ווי שיין איז
דער לאַנדשאַפֿט פֿון הויכן באַרג,
אָבער, אויך,
וועלכע זענען די סכּנות פֿונעם באַרג.



## שטאָק 4

די סכּנות פֿונעם בּאַרן

זענען למשל:

די לאַווינעס, דאָס הייסט ווען דער שניי

לויפֿט אויף דער בּאַרגזײַט

און פֿאַלט אַראָפּ

שנעל צו דעם טאָל;

די שטורעמס; די קעלט;

די שטיינער וואָס פֿאַלן.

אַרויס פֿונעם טונעל,

אויף אַ וואַנט פֿון שטיין,

איז דאָ אַ צונג פֿון אײַז

דאָס הייסט, דער אונטערשטער טייל

פֿון אַ גלעטשער.

אַ גלעטשער איז געמאַכט פֿון שניי און אײַז.

אין מוזע קענען מיר אָנרירן

די צונג פֿון אײַז

אַזוי קענען מיר פֿילן ווי קאַלט זי איז.


+4

## שטאָק 4

נאָענט צו דער צונג פֿון אײַז
איז דאָ אַ קלײנע לאָנקע
מיט אמתדיקע געװיקסן פֿון די בערג.
אַלע געװיקסן צוזאַמען
הײסן זיך ׳פֿלאָראַ׳.
אין דעם אַנדערן טײל פֿונעם שטאָק
זענען דאָ טישן
מיט פֿילע זאַכן און װידעאָס
װאָס דערקלערן גוט עטלעכע זאַכן.
למשל דערקלערן זײ:
װי עטלעכע געװיקסן און עטלעכע חיות
האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דעם קלימאַט;
װאָס איז אַלפּיניזם און די ספּורטן
װאָס מע קען טאָן אין די בּערג;
װאָס איז פֿאָרשונג, דאָס הײסט די פֿאַרשונג
און די אַנטדעקונג פֿון נײַע ערטער.

צוריק צום אינהאַלט ←

# שטאָק 3

אויף̄ן דריטן שטאָק געפ̄ינען מיר אַ רוטע

וואָס הייסט זיך

„לאַבירינט פ̄ון ביאָדיווערסיטעט“.

די ביאָדיווערסיטעט

זײַנען אַ סך חיות און געוויקסן

וואָס לעבן צוזאַמען

אין דער זעלביקער סבֿיבֿה.

אין דעם לאַבירינט גייען מיר

דורך די סבֿיבֿות פ̄ון די בערג,

פ̄ון די העכערע

ווי די אַלפּישע פּרעריעס,

בײַז צו די נידעריקערע ווי די וועלדער.

דאָ געפ̄ינען מיר אויך

די חיות וואָס לעבן דאָרטן,

ווי למשל דער ברוינער בער,

וואָס איז איינער פ̄ון די סימבאָלן פ̄ון

טרענטינאָ



## שטאָק 3

אַרויס פֿון דער דאָזיקער רוטע
געפֿינען מיר דעם וואָלף
וואָס קומט צוריק
צו לעבן אויף די דאָלאָמיטן.

אויף דער קעגנזייַט פֿונעם לאַבירינט
איז דאָ אַ צימער וואָס זעט אויס ווי אַ וואַלד.
דאָ קענען די קינדער אויספֿאָרשן,
אָנרירן די געוויקסן,
באַמערקען די שפּורן פֿון די חיות
און שמעקן די ריחות פֿונעם וואַלד.
דער צימער הייסט זיך
.„Discovery Room“
די דאָזיקע ענגלישע ווערטער מיינען.
צימער פֿון דער אַנטדעקונג.

צוריק צום אינהאַלט ←

# שטאָק 2

דער צווייטער שטאָק

דערציילט די געשיכטע פֿון די דאָלאָמיטן,

וואָס זײַנען די כאַראַקטעריסטישע בערג פֿון

טרענטינאָ־אַלטאָ אַדידזשע.

דער שטאָק דערקלערט אונדז ווי

די בערג

זײַנען געבוירן געוואָרן

און ווי זיי האָבן זיך געביטן

במשך מיליאָנען יאָרן.

מיט אַ סך יאָר צוריק, אַנשטאָט די דאָלאָמיטן

איז דאָרט געווען אַ טראָפּישער ים.

דער ענדערונג

ווערט דערקלערט מיט ווידעאָס.



## שטאָק 2

אויפֿן צווייטן שטאָק
קענען מיר זען שטיינער,
פֿאָסילן און מינעראַלן.
אויף דעם שטאָק רעדט מען אויך
וועגן די רעסורסן פֿון דער אונטערערד,
וואָס קענען זײַן:
שטיינער צו בויען מאָנומענטן
און פּאָדלאָגן, אבֿנים טובֿות
און מעטאַלן ווי אַלומיניום.

אויפֿן צווייטן שטאָק איז דאָ אַן אַקוואַריום
מיט געזאַלצענען וואַסער און טראָפּישע פֿיש.
דער אַקוואַריום ווייזט אונדז די סבֿיבֿה
ווו די דאָלאָמיטן זײַנען געבוירן געוואָרן.
אויף דעם זעלביקן שטאָק
איז דאָ אויך אַ גרויסע וואַנע
וואָס איז האַלב אַקוואַריום און האַלב
טעראַריום.



## שטאָק 2

אויפֿן צווייטן שטאָק
קענען מיר זען שטיינער,
פֿאָסילן און מינעראַלן.
אויף דעם שטאָק רעדט מען אויך
וועגן די רעסורסן פֿון דער אונטערערד,
וואָס קענען זײַן:
שטיינער צו בויען מאָנומענטן
און פּאָדלאָגן, אבֿנים טובֿות
און מעטאַלן ווי אַלומיניום.

אויפֿן צווייטן שטאָק איז דאָ אַן אַקוואַריום
מיט געזאַלצענען וואַסער און טראָפּישע פֿיש.
דער אַקוואַריום ווייזט אונדז די סבֿיבֿה
ווּ די דאָלאָמיטן זײַנען געבוירן געוואָרן.
אויף דעם זעלביקן שטאָק
איז דאָ אויך אַ גרויסע וואַנע
וואָס איז האַלב אַקוואַריום און האַלב.
טעראַריום

## שטאָק 2

אין דער וואַנע איז דאָ אַ רעפּטיל

וואָס הייסט זיך בּאַזיליסק.

דער בּאַזיליסק איז אַ חיה

וואָס קען לויפֿן אויף דעם וואַסער.

אויף דעם שטאָק

רעדט מען אויך וועגן דער ריזיקע פֿאַר דער

סבֿיבֿה,

דאָס הייסט וועגן קאַטאַסטראָפֿעס וואָס קומען

פֿון די סכּנות פֿון דער נאַטור.

די סכּנות פֿון דער נאַטור זײַנען למשל:

ערדגליטשן, לאַווינעס, געוויסער

און ערד-ציטערנישן,

וואָס בייטן די פֿאָרעם פֿון דעם לאַנד

און קענען זײַן אַ שווערע ריזיקע פֿאַר אַלע

מענטשן.

אויף דעם שטאָק דערקלערט מען אונדז

וואָס די ציווילע שוץ טוט.

## שטאָק 2

די ציווילע שוץ

איז אַן אָרגאַניזאַציע

וואָס קאָנטראָלירט דעם לאַנד

און העלפֿט די מענטשן

ווען עס זײַנען דאָ סכּנות.

צוריק צום אינהאַלט ←

# שטאָק 1

דער ערשטער שטאָק

איז אויך צעטיילט אין צוויי זאָנעס.

אין איין זאָנע

איז דאָ אַ רוטע מיט דער פֿאָרעם פֿון אַ שפּיראַל,

וואָס דערציילט די געשיכטע פֿון די אַלטע מענטשן.

די אַלטע מענטשן

זײַנען די מענטשן

וואָס האָבן געלעבט אין דער פּרעהיסטאָריע,

דאָס הייסט מיט זייער אַ סך יאָר צוריק.

די מענטשן האָבן געלעבט אין די אַלפּן,

דאָס הייסט אין די בערג

וואָס געפֿינען זיך

אויף דער צפֿונדיקער גרענעץ פֿון איטאַליע.



## שטאָק 1

אין דער זאָנע קענען מיר זען.

- מענטשלעכע פֿיגורן געמאַכט פֿון סינטעטיש מאַטעריאַל;
- שׂרידים פֿון מענטשן און חפֿצים פֿון דער פּרעהיסטאָריע;
- עטלעכע ווידעאָס;
- די דערקלערונגען פֿון דער פּרעהיסטאָריע.

אין דער אַנדערער זאָנע

רעדט מען וועגן דער צוקונפֿט פֿון די מענטשן

און פֿון דער ערד.

דאָ זײַנען דאָ טישן

וואָס ווייזן אונדז,

מיט חפֿצים און מיט ווידעאָס,

ווי מיר בייטן די סבֿיבֿה

אין וועלכער מיר לעבן.



# שטאָק 1

דאָס איז איינע פֿון די וויכטיקסטע געביטן

פֿונעם מוזיי,

ווײַל עס דערציילט אונדז וועגן דעם מצב פֿון דער

ערד.

דער מוזיי פּרוּווט:

אונדז צו געבן געפֿילן;

אונדז צו געבן צו פֿאַרשטיין אַז מיר בייטן די סבֿיבֿה

מיט אונדזערן אויפֿפֿיר,

וואָס ברענגט דעם קלימאַט־ענדערונג

מיט מער היץ און מער געוויסער.

אין צענטער פֿון דער זאָנע איז דאָ אַ גרויסע קויל.

די קויל הענגט פֿון דער סטעליע

און זי הייסט זיך „Science on a Sphere“

די ענגלישע ווערטער מיינען: וויסנשאַפֿט אויף אַ

קויל.


Makeblock

## שטאָק 1

אויף דער קויל קענען מיר זען,
למשל:

- ווי די באַפֿעלקערונג איז פֿאַרטיילט אויף דער ערד;
- די פֿלוג־רוטעס פֿון די אַעראָפּלאַנען;
- דעם הימל און די שטערן;
- די אויבערפֿלאַך פֿון מאַרס

אין דער זאָנע איז אויך דאָ
אַ לאַבאָראַטאָריע וואָס הייסט זיך
"FabLab".

אין דער לאַבאָראַטאָריע נוצט מען מאַשינען,
קאָנטראָלירט פֿון קאָמפּיוטערס,
כּדי צו אויסטראַכטן און שאַפֿן נײַע זאַכן.
אין דער לאַבאָראַטאָריע גיט מען קורסן
פֿאַר יונגע מענטשן און פֿאַר דערוואַקסענע.
באַמערקונגען: ריפּאַראָ דאַלמערי.


Le pietre dipinte di Riparo Dalmeri
Die bemalten Steine
aus dem Riparo Dalmeri

## שטאָק 1

באַמערקונגען: ריפּאַראָ דאַלמערי

אין אַ זאָנע פֿון טרענטינאָ
וואָס הייסט זיך וואַלסוגאַנאַ,
האָט דער פֿאָרשער פֿונעם מוזע,
ג̀יאַמפּאַאָלאָ דאַלמערי,
געפֿונען אַ מקום-מקלט ווו
די פֿאַרצייַטישע מענטשן פֿון די אַלפּן האָבן
געלעבט.
די אַלפּן זענען די בערג
וואָס געפֿינען זיך
אויף דער צפֿונדיקער גרענעץ פֿון איטאַליע.
די מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין דעם
מקום-מקלט,
כּדי צו עסן, פֿלעגן יאָגן חיות
ווי דעם שטייַנבאָק
און פֿלעגן זאַמלן בערלעך און וואָרצלען.

## שטאָק 1

דאָ האָט מען געפֿונען
זייער וויכטיקע שטיינער.
אויף די שטיינער זײַנען געצייכנט
חיות, מענטשן און אַ סך סימבאָלן.
מען האָט אויך געפֿונען
ביינער און הערנער פֿון חיות
וואָס מען האָט באַנוצט פֿאַר ריטועלן.
ריטוסן זײַנען גזשעסטן, באַוועגונגען
און געזאַנגען וואָס מענטשן טאָן צוזאַמען אין
אַ גרופּע.
אַ דאַנק דער אַנטדעקונג
ווייסן די פֿאָרשערס און פֿאָרשערקעס,
אַז אויך די פֿאַרצײַטישע מענטשן האָבן
געזוכט אַ באַציִונג
מיט דער נאַטור.

צוריק צום אינהאַלט ←

# שטאָק 0

אין צענטער פֿון שטאָק נול,

אָדער ערד־שטאָק,

געפֿינען מיר די פּאַלעסטרע פֿון דער

וויסנשאַפֿט.

די פּאַלעסטרע פֿון דער וויסנשאַפֿט איז אַ

זאָנע פֿונעם מוזיי

ווּ מיר קענען מאַכן עקספּערימענטן

כּדי צו וויסן און צו פֿאַרשטיין

די געזעצן פֿון דער נאַטור.

די עקספּערימענטן און די אַקטיוויטעטן

וואָס מיר קענען טאָן דאָ

העלפֿן אונדז צו טראַכטן און צו אַנטדעקן

ווי די וויסנשאַפֿטלערס.



**שטאָק 0**

אויף דעם שטאָק נול איז אויך דאָ דער
"Maxi Ooh!",
דאָס הייסט אַ פּלאַץ
ווו די קינדער פֿון נול ביז פֿינף יאָר,
צוזאַמען מיט אַ דערוואַקסענעם,
קענען זייער אַ סך הנאה האָבן.

אין דעם פּלאַץ קענען די קינדר
זיך באַוועגן ווי זיי ווילן,
אָנרירן מיט די הענט, פֿילן,
הערן און באַמערקען אַ סך זאַכן.
איז אַ פּשוטער און "Maxi Ooh!" דער
רויִקער פּלאַץ.

איז דאָ אַ זאָנע "Maxi Ooh!" אין
ווו אַ מענטש פֿונעם מוזיי
זאָגט ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפֿפֿירן
און וואָס מען קען טאָן אינעווייניקסט.

**שטאָק 0**

אין דער זאָנע קען מען זיך אָפּרוען אויף די סאָפֿעס,
לייענען אַ בוך און שפּילן.
אין "!Maxi Ooh“
זײַנען אויך דאָ דרײַ צימערן
וואָס זען אויס ווי דרײַ בלעזלעך.
אין דעם ערשטן בלעזל
קענען די קינדער זען וואָס פּאַסירט
ווען זיי באַוועגן זיך אין וואַלד.

אין דעם צווייטן בלעזל
קענען די קינדער הערן וואָס פּאַסירט
ווען זיי זײַנען אין וואַלד.
אין דעם דריטן בלעזל
איז דאָ די סענסאָרישע באָד.

צוריק צום אינהאַלט ←

# שטאָק -1

אויפֿן מינוס־איינס שטאָק
דערציילט מען וועגן דער עוואָלוציע,
דאָס הייסט ווי דאָס לעבן אויף דער ערד
איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך געביטן
פֿון די עלטסטע צײַטן ביז הײַנט.
מען דערציילט וועגן די ערשטע פֿאָרמען פֿון לעבן,
וועגן די אויסגעשטאָרבענע חיות,
דאָס הייסט די חיות וועלכע זײַנען שוין נישטאָ,
ווי די דינאָזאַורן,
און וועגן די מאַמאַלן
וואָס געפֿינען זיך אין דער גאַנצער וועלט.
מאַמאַלן זײַנען די חיות
וואָס זייגן זייערע קינדער.



# שטאָק 1-

זײַנען דאָ אַ סך חיות MUSE אין דעם

וואָס זעען אויס ווי לעבעדיקע:

די חיות זײַנען געשטאָרבן פֿון נאַטירלעכע

סיבות

און זייער הויט איז באַנוצט געוואָרן

כּדי אונדז צו ווייזן ווי זיי זעען אויס

ווען זיי לעבן אין דער נאַטור.

די טעכניק הייסט זיך טאַקסידערמיע.

צווישן די מאַמאַלן איז אויך דאָ אַ מין גרוי־

קאָפּיקער

עלעפֿאַנט־שפּיצויז.

דער מאַמאַל איז אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר

2008

אין טאַנזאַניאַ, אין אַפֿריקע,

פֿון אַ גרופּע פֿאָרשערס

MUSE פֿונעם.



## שטאָק 1-

אין דער זאַל דערנאָך

דערקלערט מען אונדז וואָס איז דער דנ״אַ

און דערציילט מען די געשיכטע פֿון לעבן.

דער דנ״אַ איז עפּעס וואָס געפֿינט זיך אין די

צעלען

און אַנטהאַלט די וויכטיקסטע אינפֿאָרמאַציעס

פֿאַר דאָסלעבן.

נאָך דער זאַל

געפֿינט זיך אַ גרויסער פּלאַץ

פֿאַר די אויסשטעלונגען

וואָס דויערן נאָר עטלעכע חדשים.

אין עק פֿון דער זאַל

זײַנען דאָ גרויסע אַקוואַריומס

מיט זיס וואַסער,

וועלכע איז וואַסער פֿון טײַכן און אָזערעס.

אין די אַקוואַריומס לעבן די פֿיש

און די געוויקסן פֿון טאַנזאַניאַ.

טאַנזאַניאַ איז אַ לאַנד אין אַפֿריקע.



## שטאָק 1-

נאָך דעם אַז מיר זענען אַריבער דער זאַל,
קומען מיר אַרײַן אין דער טראָפּישער
אָראַנזשעריע.
אינעווייניק לעבן די געוויקסן און עטלעכע חיות
פֿון די בערג פֿון טאַנזאַניאַ.
אַרײַנגײן אין דער אָראַנזשעריע
איז ווי אַרײַנגײן אין אַן אמתער טראָפּישער
וואַלד
צווישן זשאַבעס און פֿייגל
און צווישן געוויקסן ווי קאַקאַאָ, קאַווע,
באַנאַן און וואַניל.
MUSE די פֿאָרשערס פֿונעם
פֿאַרשן אויך די געוויקסן און די חיות
פֿון טאַנזאַניאַ.

צוריק צום אינהאַלט ←



**MUSE - Museo delle Scienze**

Corso del Lavoro e della Scienza, 3
38122 Trento
www.muse.it